בסייעתא דשמיא

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

פרשת לך לך, י"א חשון תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון ז'

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......... 4:27
מוצאי שבת קודש.......... 5:56

## א מעשה פון תפלה

### שמשון הערש טייטעלבוים

ערב יום טוב האט די שטאט אויפגעהערט מיר צו געבן די חודש'ליכע געלט וואס זיי געבן געווענליך, איך האב אנגעהויבן בעטן די אייבערשטער ער זאל רחמנות האבן אויף מיר איך זאל קענען אהערשטעלן א יום טוב און אזוי אויך גלייך נאך יום טוב ווען עס איז נאך נישט דא געהעריג קיין ביזנעס זאל איך האבן גענוג עסן מיט א שפע, און די אייבערשטער האט געהאלפן אז נאך יום טוב האבן זיי פאר א אומבאקאנטע סיבה צוריק אנגעהויבן מיר צו געבן די געלט און נישט נאר דאס נאר זיי האבן מיר צוריק באצאלט פאר די חדשים וואס זיי האבן נישט געהאט געגעבן. שכח אייבערשטער!

### מרדכי אהרן היילפרין

מיין בוילער האט אנגעהויבן מאכן קונצן ביז עס האט אינגאנצן אויפגעהערט צו ארבעטן, גיין קויפן א נייע איז זייער א טייערע זאך, וואס טוט א ברסלב'ע חסיד די ערשטע זאך? מען בעט די אייבערשטער, איך האב געבעטן די אייבערשטער עס זאל צוריק אנהייבן ארבעטן איך האב פרובירט אויף אפאר וועגן אבער עס האט זיך נישט געהאלטן ביים צוריק אנצינדן, אויך האב איך מזכיר געווען ביי די ראש ישיבה, און ברוך השם איין שיינעם טאג האט עס אנגעהויבן צוריק צו ארבעטן כאילו לא היה.

## נייעס אין שטעטל

### בליץ באזוך פון דעם ראש ישיבה שליט"א

דינסטאג פארטאגס  אין שטעטל די אינגעלייט זיצן איבערגעבויגן איבער דעם שלחן ערוך און מען אקערט אדורך  הלכות טהרה, ווען אינמיטן זענען די אינגעלייט געווארן איבעראשט ווען זיי זעהן די ראש ישיבה שליט"א בייגט זיך אריין אין זייער שלחן ערוך צו זעהן וואס זיי לערנען, עס האט געגעבן א פרישע התחדשות צו ממשיך זיין לערנען ווייטער מיט התמדה. נאך א געשמאקע דאווענען האט די ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף גמרא וואס רעדט ארום די וויכטיגקייט פון זיין אנגעהיטן אין די יסוד און מלמדים דארפן דאס אויסלערנען פאר די קינדער און נישט מיד ווערן פון זאגן נאכאמאל און נאכאמאל, דערנאך האט די ראש ישיבה באזיכט די חדר און די סקול פון וואס די ראש ישיבה האט געהאט א גרויס נחת.

### אבות ובנים – די טאטעס מיט די קינדער

פארגאנגענעם מוצאי שבת האט זיך אנגעהויבן אבות ובנים אין שטעטל ווי די טאטעס לערנען מיט די קינדער די לימודים וואס זיי האבן געלערנט במשך די וואך אין חדר און דערנאך באקומט יעדע אינגל א מתנה פארן לערנען אזוי שיין מיט זייער טאטע, עס וועט זיין אבות ובנים ביז יום טוב פורים.

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד
טוהן מיר אויפנעמן האברך החשוב
**ר' יודא לייב ווייס נ"י וזוגתו תחי'**
וואס זענען געקומען וואוינען דאהי אין ברסלב'ע שטעטל.
די אייבערשטער זאל העלפן זיי זאל מצליח זיין דא אין שטעטל.

## מודעה

מיר ווילן מודיע זיין אז עס האט זיך געעפענט א היימישע גארבאדזש קאמפאני דא אין שטעטל צו אויפפיקן אייער מיסט קענט איר זיך פארבונדן אויף
347-988-5253

# בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך

יום ה' פרשת בראשית, כ"ה תשרי, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר.

אויף דיין פראגע, אז דו האסט זיך ארויסגעצויגן אין שטעטל, קרית ברסלב ליבערטי יצ"ו, און דו ווילסט וויסן אויב דו זאלסט ממשיך זיין מיט די צדקה פאר די ישיבה וואס דו פלעגסט געבן ברוח נדיבה א פרנס החודש, אדער אנהייבן געבן די צדקה פאר וכו'.

אוודאי זאלסטו ממשיך זיין מיט'ן "פרנס החודש" פאר די ישיבה, העלפן דעקן די גרויסע הוצאות פון רענט וכו'.

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט קיינמאל נישט פארגעסן דיין עבר, זאלסט שטענדיג געדענקען דאס ערשטע מאל ווען דו ביסט ארויפגעקומען אין ישיבה וואס דו האסט דא באקומען, וועט דיר זיין א פשוט'ע זאך וואו דיין צדקה זאל גיין.

איך חזר זיך יעדן טאג וואס דער רבי האט מיר געגעבן און וואס מוהרא"ש האט געטון מיט מיר, דאס געבט מיר כח צו טון און טון און טון אן ערווארטן אז איינער זאל מיר זאגן יישר כח, א דאנק וכו', וכו'. ווען מען געדענקט וואס דער רבי געבט אונז דעמאלט איז גוט.

בעזרת ה' יתברך

יום ה' פרשת ואתחנן, י"ד מנחם-אב, שנת תשע"ט לפרט קטן

מרת ... תחי'.

איך האב ערהאלטן די נדבה פאר די ישיבה, יישר כח.

איך פריי זיך זייער צו הערן אז איר האט זיך צוזאמגענומען מיט אלע פרויען פון שטעטל זיך מחזק זיין מיט די זיסע געשמאקע עצות פון רבי'ן.

איך האב צוריק געהערט פון די אינגעלייט, אלע זאגן זיי אז די פרויען האבן זיך זייער מחי' געווען.

וויל איך דיר בעטן דו זאלסט ווייטער ממשיך זיין מיט די מצוה פון מחזק זיין די פרויען און יעדע וואך זאלט איר זיך צוזאמקומען; מאכט א קביעות אויף דעם, צום ביישפיל אז יעדע דינסטאג אדער אן אנדערע טאג - קומט מען זיך צוזאם.

גרייט אן א שפיל און אזוי אויך זאלסטו אנגרייטן יעדע וואך איינע פון די פרויען וואס זאלן רעדן (נישט צו לאנג, בערך צוואנציג מינוט).

נאכדעם זאלט איר טאנצן צוזאמען, אזוי ווי מוהרא"ש האט איינגעפירט אין יבניאל, אז מען קומט זיך צוזאם איינמאל א וואך.

געב איבער פאר דיין מאן נרו יאיר אז נאכ'ן זוממער וועל איך אם ירצה ה' זיין אויף א שבת אין שטעטל.





HURLEYVILLE LEASING
AUTO SALES & LEASING
845.720.0041
SALES@HURLEYVILLELEASING.COM